**Reshet Hakollelim Shas Yiden**
**For mastering entire Talmud by heart**

**Jerusalem • Bnei Brak • Beit Shemesh**
1274 49th Street #562 • Brooklyn, NY 11219

E-mail: kollelshasyiden@gmail.com
**www.shasyiden.com**

רשת הכוללים
**ש"ס אידן**
לידיעת הש"ס כולו בע"פ
**SHAS YIDEN**

בראשות המייסד הגאון רבי **אברהם הלוי אייזן** שליט"א
אבד"ק פוזנא
בנשיאות מרן שר התורה רשכבה"ג
רבינו הגדול רבי **חיים קניבסקי** שליט"א

**רשת הכוללים ש"ס אידן**
**לידיעת הש"ס כולו בע"פ**

**ירושלים • בני ברק • בית שמש**
Tel: 718.702.1528 • Fax: 718.764.1434

***Nasi:*** *Maran Hagaon Harav Chaim Kanievsky, shlit"a*
***Founder:*** *Harav Avrohom Eisen, Pozna Rov, shlit"a*


# ~ תפלה להתפלל אצל ציון הרשב"י ~

## תפלה צו בעטן ביים ציון פון רבי שמעון בר יוחאי זי"ע

**בְּרִיךְ שְׁמֵהּ דְּמָרֵא עָלְמָא. בְּרִיךְ כִּתְרָךְ וְאַתְרָךְ. יְהֵא רְעוּתָךְ עִם**
געלויבט איז דער נאמען פון (הקב"ה) דער האר פון די וועלט. געלויבט איז דיין קרוין און דיין פלאץ (וואו די שכינה רוהט). דיין ווילן זאל זיין מיט

**עַמָּךְ יִשְׂרָאֵל לְעָלַם, וּפֻרְקַן יְמִינָךְ אַחֲזֵי לְעַמָּךְ בְּבֵית מַקְדְּשָׁךְ,**
דיין אידישן פאלק אויף אייביג, און די אויסלייזונג פון דיין רעכטע האנט זאלסטו ווייזן פאר דיין פאלק אין דיין בית המקדש,

**וּלְאַמְטוּיֵי לָנָא מִטּוּב נְהוֹרָךְ וּלְקַבֵּל צְלוֹתָנָא בְּרַחֲמִין: יְהֵא רַעֲוָא קֳדָמָךְ**
און עס זאל אנקומען צו אונז פון דיין גוטן ליכטיגקייט (אור הגנוז לצדיקים) און זאלסט אננעמען אונזערע תפלות מיט רחמנות: עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר

**דְּתוֹרִיךְ לָן חַיִּין בְּטִיבוּתָא, וְלֶהֱוֵא אֲנָא פְקִידָא בְּגוֹ צַדִּיקַיָּא, לְמִרְחַם עָלַי**
אז דו זאלסט אונז דערלענגערן (אונזערע) יארן מיט גוטסקייט, און איך זאל זוכה זיין צו ווערן געדענקט (גערעכנט) צווישן די צדיקים, דו זאלסט אויף מיר רחמנות האבן

**וּלְמִנְטַר יָתִי וְיַת כָּל דִּי לִי וְדִי לְעַמָּךְ יִשְׂרָאֵל. אַנְתְּ הוּא זָן לְכֹלָּא,**
און זאלסט מיך אפהיטן און אלעס וואס עס געהער צו מיר און וואס געהער פאר דיין אידישן פאלק. דו טוסט שפייזן יעדן,

**וּמְפַרְנֵס לְכֹלָּא. אַנְתְּ הוּא שַׁלִּיט עַל כֹּלָּא. אַנְתְּ הוּא דְּשַׁלִּיט עַל מַלְכַיָּא,**
און גיבסט אלע באדערפענישן פאר יעדן. דו ביסט דער וואס געוועלטיגט אויף אלעס. דו ביסט דער וואס געוועלטיגט אויף די קעניגן,

**וּמַלְכוּתָא דִּילָךְ הִיא: אֲנָא עַבְדָּא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּסָגִידְנָא קַמֵּהּ,**
און דאס קעניגרייך געהער צו דיר: איך בין א קנעכט פון הייליגן באשעפער, געלויבט איז ער, וואס איך בוק מיך פאר אים,

**וּמִקַּמָּא דִּיקַר אוֹרַיְתֵהּ בְּכָל עִדָּן וְעִדָּן. לָא עַל אֱנָשׁ רָחִיצְנָא וְלָא עַל בַּר**
און פאר דעם כבוד פון זיין תורה אין אלע צייטן. נישט אויף א מענטש טו איך מיך פארזיכערן און נישט אויף א

**אֱלָהִין סָמִיכְנָא, אֶלָּא בֶּאֱלָהָא דִשְׁמַיָּא, דְּהוּא אֱלָהָא קְשׁוֹט וְאוֹרַיְתֵהּ**
מלאך טו איך מיך פארלאזן, (איך טו מיך פארלאזן) נאר אויפ'ן גאט פון הימל, וואס ער איז אמת און זיין תורה

**קְשׁוֹט וּנְבִיאוֹהִי קְשׁוֹט וּמַסְגֵּא לְמֶעְבַּד טַבְוָן וּקְשׁוֹט. בֵּהּ אֲנָא רָחִיץ,**
איז אמת און זיינע נביאים זענען אמת און ער פארמערט צו טוהן גוטס (חסד) און אמת. אויף אים טו איך מיך פארזיכערן,

**וְלִשְׁמֵהּ קַדִּישָׁא יַקִּירָא אֲנָא אֵמַר תֻּשְׁבְּחָן: יְהֵא רַעֲוָא קֳדָמָךְ,**
און פאר זיין הייליגן נאמען (און) זיין טייערן (נאמען) זאג איך לויבונגען: עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר,

**דְּתִפְתַּח לִבָּאִי בְּאוֹרַיְתָא, וְתַשְׁלִים מִשְׁאֲלִין דְּלִבָּאִי וְלִבָּא**
אז דו זאלסט עפענען מיין הארץ אין (צו פארשטיין) דיין הייליגן תורה, און זאלסט ערפילן די פארלאנגען פון מיין הארץ און די הערצער (פארלאנגען)

**דְּכָל עַמָּךְ יִשְׂרָאֵל לְטַב וּלְחַיִּין וְלִשְׁלָם. אָמֵן:**
פון דיין גאנצן אידישן פאלק צום גוטן און צום לעבן און צו פרידן. אמן:

געמומען פון דעם סידור 'תפלה בכוונה' מיט רשות פון דעם מו"ל